בס"ד קצת לקוטים מרביה"ק מסאטמאר זי"ע

# פרשת נשא

## דברות קודש בכינוס הכללי מהתאחדות הרבנים שנת תשכ"א עמוד ת"ג

**כ'וועל** דא זאגן א פרט, איינעם, אפשר קאן מען מיט דעם איינעם פרט וואס קאן קומען לכלל מעשה מ'זאל עפעס אויפטוהן, ס'איז נאר איין פרט נעבעך פון די פירצות הדור און ס'איז א גרויסער פרט, א גרויסער שורש, איך מוז זאגן טאקע אין אמעריקע צווישן אמעריקאנער יודען און גאר א טייל גאר גאנץ יודישע מענטשן וואס ער איז נאך א יוד, ער וויל לייגן תפילין יעדן טאג, ער וויל האבן א מזוזה ביי די שטוב, און ער מיינט עס ערנסט, ס'איז דא אזאלעכע שווערע טויזנטער יודען, וויאזוי ער איז אין וואס פאר א מצב, פונדעסטוועגן וויל ער דאס האבן, און בעוה"ר נישט נאר רובא דרובא כמעט רובו ככולו, ניין און ניינציג פראצענט, זענען פסולים די תפילין מיט די מזוזות, ער לעבט זיך אפ די יאהרן און ער האט קיינמאל נישט געלייגט קיין תפילין, ער האט קיינמאל נישט געהאט קיין מזוזה אויף די שטוב, ווען זאלן וויסן העטן זיי אליין דערויף מרעיש געווען. איך ווייס פון א מעשה איינער האט אמאהל געזעהן ער האט זיך געברענגט איבערצוקוקן די תפילין, און מ'האט געזעהן זענען פסול מתחילת הכתיבה האט ער זיך צעוויינט, זאגט ער דער ראביי האט מיר געברענגט די תפילין און דעמאלץ האט מיך געקאסט פינף דאלער, ווען ער בעט נאך צען העט איך עהם דען נישט גיוועון געגעבן. היצט לאמיר'זשע זעהן פארוואס האט ער דאס געטוהן (להמציא לו לאיש זה תפילין כאלה), ווייל מ'האט דאך מורא פאר דעת הציבור דערויף, ווארן דער המון איז דאך אזוי געוואוינט, מ'איז געוואוינט א בר מצוה מאָל קאסט פינף טויזנט און צען טויזנט טאָלער כאטש דעם אנדערן טאג האט מען שוין פארגעסן אז ס'איז געוועזן א בר מצוה מאָל, און די תפילין וואס ער ברויך אויף כל ימי חייו, נעמט ער איינמאל אויף כל ימי חייו, טאמער בעט מען מער מיט צען דאלער צי מיט צוואנציג דאלער זאגט מען ס'איז א רויבעריי, דארט ליגט דעס אומגליק, ס'איז איינגעפרעגט ביים עולם מ'ווייסט גאר נישט א דבר מצוה דארף קאסטן געלט. ער פירט זיך איין אין הויז מעבל, שפילט (דען) א ראלע צי ס'קאסט עהם נאך הונדערט טאָלער צו נאך א פּאָר הונדערט טאָלער אז ס'זאל זיין דעס בעסטע, אבער די מזוזה אז דו ווענסט בעטן ביי עהם נאך א פּאָר טאָלער – און דאס איז אויף כל ימי חייו – נאך א פּאָר טאָלער האט מען עהם אויסגעפליקט, האט מען עהם אויסגעריסן, און מ'איז גאר איינגערעדט אסאך אזאלעכע אז מ'נעמט צופיל מ'נעמט צו טייער, מ'פארגעסט גאר אז דאס ליגט דעס גאנצע חיות, דאס איז א ביטער אומגליק דאס איז איין זאך מ'פארזעהט.

רבינו מאריך כאן בענין זה ע"ש

עמוד תט"ז

**מילא** דאס דארף מען דאך נישט אויסצורעכענען "הכשרים", ניטאמאל, מ'ברויך נישט מפרט זיין, ליידער פאלט מען אריין אין כשרות אויכעט, ווארן ווייסט מען דען נישט, ווער קאן דען מבחין זיין, אונז קאן מיר נישט ארויסגעבן וועמען זאל מען זיך יא פארלאזן און אויף יענעם זאל מען זיך נישט פארלאזן, אבער יעדערער ווייסט אלע נבילות וטריפות זענען פארזעהן מיט הכשרים, אין דעם איז קיינער נישט מסופק, נאר וואס דען דער זאגט אויף דעמס (שאינו טוב) און דער זאגט אויף יענעמס, אבער עכ"פ הצד השוה שבהם אז מיט הכשרים זענען זיי אלע פארזעהן, נאר וואס דען א יוד ברויך זיך אכט געבן און קוקן, און גוט "אליין" זיך אומקוקן און זעהן וואס ער נעמט*).

*) עי' שו"ת דברי יואל יו"ד סימן נ"א, וז"ל בא"ד (אות ח'): ולדעתי "המדקדק באמת אינו סומך כלל על שום הכשר" וכו', יעיי"ש שהאריך טובא בענין ההכשרים.

עמוד ת"א

שטייט אין די פרשה, וישלחו מן המחנה כל צרוע וכל זב וכל טמא לנפש וגו', ולא יטמאו את מחניהם וגו', ויעשו כן בני ישראל, יודען האבן אזוי געטוהן, וישלחו מן המחנה, זיי האבן אוועקגעשיקט פון די מחנה, כל צרוע וכל זב וכל טמא לנפש, כאשר דבר ה' אל משה, אזוי ווי דער בוכ"ע האט געהייסן טוהן פאר משה'ן, כן עשו בני ישראל, אזוי האבן יודען געטוהן.

עמוד ת"ג

דער מדרש זאגט דאך (במד"ר פ"ז י') צרוע מיינט מען עבודה זרה, זב איז גילוי עריות, טמא לנפש איז שפיכות דמים.

עמוד ת"כ

דער זיידע זכרונו לברכה זאגט אין ייטב לב [לבאר כפל הלשון דכתיב ויעשו כן בנ"י וגו' והדר כתיב] כאשר צוה ה' את משה כן עשו בני ישראל (קו' ב'). זאגט ער אזוי, אז וישלחו מן המחנה כל צרוע וכל זב וכל טמא לנפש, אז מ'וועט אוועקשיקן און מ'וועט זיך נישט אנגיהערן מיט די בעלי עבירות, מיט ע"ז ג"ע און שפכ"ד, וועט מען קאנען האלטן די גאנצע תורה, ווארן אז מ'איז פארמישט מיט זיי דאס שטערט, זאגט ער וישלחו מן המחנה כל צרוע וכל זב, דערנאכדעם אז מ'איז דיא פטור געווארן, כאשר צוה ה' את משה אלדינגס וואס דער אייבירשטער האט געהייסן משה'ן, איז כן עשו בני ישראל, זיי האבן אלדינגס געטוהן, נאכדעם האבן זיי געהאלטן כל התורה כולה, ווארן יודען אליין אז מ'איז נישט פארמישט מיט זיי האלט זיך אויף דעס יודישקייט, איבערדעם דער "כאשר צוה ה' את משה כן עשו בני ישראל" דאס גייט גאר אויף עפעס אנדערשט, דאס גייט ארויף אויף די גאנצע תורה אויף די איבריגע זאכן.

**אבער** קען נאך זיין דא אט אין דעם ענין, כ'האב אמאהל געזאגט, מ'זאגט ביי א סיום מסכת, מודה אני לפניך ששמת חלקי מיושבי ביהמ"ד ולא שמת חלקי מיושבי קרנות, מיין חלק איז אין ביהמ"ד נישט צווישן די יושבי קרנות. לכאורה וואס דארף ער עפעס זאגן צוויי, דאס איז דאך נישט איין מין, יושבי ביהמ"ד זענען יושבי ביהמ"ד און יושבי קרנות זענען יושבי קרנות, אז ער זאגט חלקי מיושבי ביהמ"ד איז מען נישט פון די יושבי קרנות, וואס דארף ער צו זאגן ולא שמת חלקי מיושבי קרנות, אז מ'איז נישט פון זיי. נאר אמאהל האב איך געזאגט ס'זעהט עפעס אויס אז מ'האט געשפירט ס'וועט אמאהל זיין אזא מין אויך, מ'געפונט ס'איז דא אזאלעכע אויך וואס ער אנטשפרעכט איבעראל, דיא פוסחים על שתי הסעיפים, ער גייט לה' און ער גייט לבעל, אז דאס איז דא פארהאנדן, ס'איז פארהאנדן אם לה' ואם לבעל לבעל, אבער ס'איז פארהאנדן איינער וואס קומט אין ביהמ"ד אנטשפרעכט ער זייער גוט ער קען שמועסן דברי תורה, און ער קומט צווישן די יושבי קרנות קאן ער שמועסן אויף זייער לשון, אינגאנצן אויף זייער לשון, ס'איז עהם גארנישט קיין סתירה, ער קאן גאר ביידע מיטמאכן, ס'איז דא אזא מין אויך, איבערדעם זאגט מען ששמת חלקי מיושבי ביהמ"ד אבער "ולא שמת חלקי מיושבי קרנות", צווישן די יושבי קרנות דארט קען איך נישט קיין טייל נעמען, דאס איז תרתי דסתרי.

**ס'קען** אבער זיין נאך אנדערשט, נאך ווייטער אויך א שטאַפּל, כ'האב געזאגט דעם יו"ט – טאקע דעם שבועות פונקט האב איך עס נאכגעזאגט, כ'האב עס אמאהל געזאגט שוין לאנג, כ'האב עס שוין אמאהל געזאגט פסח ביי די נאכט פון סדר*), – [בביאור מאה"כ] או הנסה אלקים לבא לקחת לו גוי מקרב גוי (פ' ואתחנן), – עטץ האטס שוין געהערט דעם יו"ט כ'האב עס געזאגט דארטן, – וואס עפעס גוי "מקרב" גוי, לבא לקחת לו גוי "מתוך" גוי, וואס איז עפעס מקרב. האב איך געזאגט דער פשט איז אזוי קען זיין, עיקר יציאת מצרים שטייט דאך איז געוועזן מ'האט זיי ארויסגענומען פון די שערי טומאה אין די שערי קדושה, נו יודען זענען דאך געוועזן משוקעים אין די מ"ט שערי טומאה צווישן די מצריים, הכלל מ'איז שוין ארויס פון מצרים, אבער די כוחות הטומאה בלייבן דאך אינעווייניג אין פנימיות הלב, בקרב איש ולב עמוק בלייבן דאך דיא כוחות וואס מ'איז אנגעזאפט, אז מ'איז געוועזן אין אזא מקום טמא דאס ווערט מען דאך נישט אזוי שנעל פטור, הכלל מ'איז שוין ארויס פון מצרים אבער דעס איז דאך נאך געלעגן אינעווייניג, נאר וואס דען דער בוכ"ע האט געטוהן נסים פאר יודען ער האט ארויסגעצויגן פון מצרים, אבער ס'איז דאך נאכנישט געגוג [כיון שעדיין טומאת מצרים בפנימיות לבבם].

[**ונקדים** עוד] כ'האב אמאהל געזאגט, ס'שטייט ביי קרח'ן כל אשר לו אלדינגס איז מיטגעגאנגען, ותכס עליהם הארץ, די ערד האט זיי צוגעדעקט, ויאבדו מתוך הקהל, זענען פארלוירן געווארען פון קהל. נו לכאורה אז די ערד האט זיי צוגעדעקט ווייסט מען שוין אליין אז זענען נישט מער געווען ביי קהל, וואס איז דער "ויאבדו מתוך הקהל". נאר שטיין שטייט (במד"ר פי"ח י"ג) אז דעס גאנצע פארמעגן, אפילו אז ס'איז געווען א מחט שאולה, איינער האט געהאט א געליגענע נאדל פון קרח'ן, איז די ארץ געווארן ככברה און ס'האט געפירט די נאדל איז אריינגעגאנגען אהין דארטן, און נבלע געווארן מיט קרח'ן צוזאמען. [ולכאורה יש להבין דהרי] אונז האמיר א קיימא לן קובה"ה לא עביד ניסא למגנא, בחנם טוהט מען נישט קיין נסים, ס'האט געמוזט געשעהן דיא מעשה מיט קרח'ן ווייל ער איז געגאנגען אקעגן משה רבינו'ן, און ס'רירט דאך אהן אין די גאנצע תורה אין די גאנצע אמונה, כאטשיג ער איז געווען א גרויסער מענטש אבער ס'רירט דאך אהן די תוה"ק מיט די אמונה האט געמוזט געשעהן אזא נס, אבער וואס העט גיוועזן געשאדט אז דיא נאדל בלייבט אינדרויסן, פארוואס האט געדארפט געשעהן א נס אז די גאנצע ערד איז געווארן ככברה אז דיא נאדל זאל אויכעט איינגעזינקען ווערן, פארוואס, פארוועזן, פאר דעם זאל געשעהן א נס?, ס'מוז דאך האבן א טעם.

**נאר** וואס'זשע דען, דער רמב"ם זאגט אין ספר המורה (ח"ג פ' ל"ז), זאגט ער דעם טעם פארוואס די תוה"ק האט געזאגט אז ולא ידבק בידך מאומה מן החרם, אז מ'טאר פון דארט גארנישט נהנה זיין, ווייל ס'איז דא מענטשן אז זיי זענען נהנה פון א זאך רעדן זיי זיך איין אז דאס איז זייער הצלחה, זענען זיי נאך דעם פארפירט, קען מען זיי נישט אראפפירן, אז זיי וועלן נהנה זיין מן החרם וועלן זיי וויסן דאס האט זיי געגעבן הצלחה ווערן זיי זיך נישט קענען אפרייסן פון דער ע"ז, דו מעגסט זאגן וואס דו ווילסט, זיי האבן פון דארט נהנה געווען און זיי האבן זיך איינגערעדט דאס איז זייער הצלחה, האט די תורה געזאגט ניין, מ'זאל וויסן דו טארסט פון דארט נישט נהנה זיין, אז דו וועסט פון דארט נהנה זיין דאס ברענגט נאר אן אבדון, פון דעם זאלסטו גארנישט האבן, אזוי ארומער וועט מען זיך קענען אפרייסן.

**היינט** איז אזוי, דער תכלית איז דאך געווען וואס ביי קרח דא וואס מ'האט געטוהן דעס נס, מ'זאל מציל זיין דעם כלל ישראל פון דער שלעכטער שיטה, ער האט חולק געווען אויף משה רבינו'ן און אויף די תוה"ק, כאטשיג ער איז געווען א בעל רוה"ק ער איז געווען זייער גרויס, נו ס'קאן גאר זיין אז ער וועט אמאהל איינגעזינקען ווערן, אבער דיא דעות וואס ער האט אריינגעברעגט – מי יודע – דאס בלייבט דאך נאך אין פנימיות, דער בוכ"ע האט דאך אבער געוואלט דאס אויסווארצלען, טאמער בלייבט א נאדל און איינער וועט עפעס נהנה זיין פון עהם, ער וועט עפעס הנאה האבן, ער וועט האבן תועלת, אז מ'איז פון יענעם נהנה גייט מען נאך עהם נאך, פאלט מען אריין אין זיינע דיעות, דער בוכ"ע האט געוואלט מ'זאל פון דעם נישט נהנה זיין קיינער, אזוי ארום וועט מען זיין אפגעשניטן פון זיינע דעות, און אז מ'גייט נאך, און אז מ'וויל פון יענעם, אז מ'וויל רח"ל פון דיא אלע וואס זיי גייען קעגן די תוה"ק וואס מ'וויל אויסרייסן, ל"ע מ'גייט עוקר צו זיין די תוה"ק, אז מ'וויל זיך מיט זיי חבר'ן און מ'וויל פון זיי נהנה זיין, איז בלי ספק אז מ'ווערט נמשך נאך זיי, האט די תורה הקדושה געזאגט ניטאמאל א נאדל זאלסטו האבן, ווייל דיא נאדל וועט שטעכן, אז ס'וועט זיין א נאדל פון דיא וואס פארלייגן זיך אויף הפרת תורה, דאס מוז אויכעט איינגעזינקען ווערן*).

**נו** יודען זענען ארויס געגאנגען פון מצרים וואו זיי האבן געהאט אכסניא בשעת הדחק (רש"י דברים כ"ג ח'), זענען טאקע פטור געווארן ארויס פון מצרים, אבער די טומאת מצרים איז אינעווייניג, דער פראסטער פשט איז דאך "גוי" גייט ארויף אויפן יוד, "מקרב גוי" גייט ארויף אויף די מצריים, דאס איז געווען די איינפאכע יציאה, ס'האט אבער געדארפט זיין נאך א יציאה פונקט פארקערט, מ'זאל פונעם הארץ פונעם בויך זאל מען ארויסנעמען דעם גוי, אז מ'זאל ארויסנעמען די מצריים פונעם פנימיות פון יודען, דאס איז דער פשט דער בוכ"ע האט ארויס גענומען גוי "מקרב" גוי, אינעם פנימיות פון יודען וואס ס'איז געוועזן נעבעך דיא דיעות דיא שיטות פון טומאת מצרים, האט דער בוכ"ע געטוהן א נס מ'האט עס ארויסגעווארצלט פונעם בויך פון אינעווייניג.

**היינט** איז אזוי, ממילא מ'קען זיין פון די יושבי קרנות, זאפט מען זיך דאך אהן פון זייערע דיעות, קומט ער אין ביהמ"ד אריין און דארטן פירט ער דיא דיעות וואס ער האט גענומען פון די יושבי קרנות, ווערט ער אין ביהמ"ד פון די יושבי קרנות, און ער ברענגט אריין אין די לומדי תורה ברענגט ער אריין דיא שיטות דיא דיעות נפסדות דיא דיעות זרות וואס ער האט גע'ירש'ענט פון די יושבי קרנות, איבערדעם זאגט מען ששמת חלקי מיושבי ביהמ"ד, אבער אכט געבן מ'מוז וויסן אבער "ולא שמת חלקי מיושבי קרנות" מיינט מען טאקע די יושבי ביהמ"ד, דארטן איז מען פון די יושבי קרנות, ער קומט אין ביהמ"ד, אזוי ווי מ'זעהט נעבעך בעוה"ר אין די בתי מדרשות אין די בתי כנסיות דארטן רח"ל איז מען כרוך נאך דיעות פון מינות מיט אפיקורסות, אזוי ווי מ'זעהט בעוה"ר היינט, איך דארף עס נישט צוגלידערן ווייל יעדער ווייסט שוין.

עמוד תכ"ד

די גמרא זאגט (זבחים קט"ז ע"א) בשעת קבלת התורה איז געווען א רעש, זענען זיי געקומען צו בלעם'ן וואס איז דאס דער רעש, א מבול קומט, פייער, זאגט ער ניין שרעקט ענק נישט, נישט קיין מבול נישט קיין פייער, נאר וואס דען תורה [שהיתה גנוזה אצלו] פון תתקע"ד דורות, מ'גייט געבן די תורה פאר יודען, מיד פתחו כולם ה' יברך את עמו בשלום.

עמוד תכ"ה

**דער** אמת איז אזוי, די גרעסטע מידה טובה בעולם איז פאר יודען שומרי תומ"צ אז זיי האבן שלום, בעוה"ר דאס איז איינס פון די געוואלטיגע מומי הדור דעס ביסל יודישע יודען אז ס'איז דא שפליטערונג צווישן זיי און פירוד לבבות, ס'איז ביטער ווי א גאל אז מ'האלט נישט צונעזאם, ווען ס'זאל מעגליך זיין דארף מען אנוועגדן מיט מסירת נפש מ'זאל קאנען צוזאמען האלטן, דאס איז דער גאנצער חיזוק, דער גאנצער כח.

**אבער** אזוי ווי ס'איז דער הכרח דער גרויסער שלום ס'זאל זיין צווישן יודען, אזוי ווידעראום חלילה פון דיא וואס זיי ווילן מפיר זיין די תוה"ק מוז מען זיך מרחק זיין, איז דער שלום דעס גרעסטע געפאר, ווערט מען מיט זיי מיטגעריסן. דער זיידע זכרונו לברכה אין ישמח משה אויף כמה מקומות ארבעט ער דאך אויף פאר שלום און פאר אחדות, [ופי' בזה מאה"כ] (תהלים ס"ב) במאזנים לעלות המה מהבל יחד*), און אין פרשת בלק גיט ער א זאג, פארוואס די טבע איז אז רשעים האבן פיינט צדיקים, ער ווייסט נישט פארוואס, אהן א שום טעם, – אין פרשת בלק זאגט ער עס – סתם ווייל ער איז א רשע האט ער פיינט א צדיק, ער האט עהם גארנישט געטוהן, ער ווייסט נישט פארוואס, – ער זאגט דארט טעמים, איך וויל נישט מאריך זיין, איך האב אמאהל געזאגט דערויף טעמים, – נאר דער ישמח משה זאגט אז ס'איז א גוטע זאך ס'איז א סיבה מן השמים, ווארן ווען ער זאל עהם נישט אזוי פיינט האבן, העטן זיי זיך מיט עהם עפעס אנגיהערט, און דאס איז א גרויסער היזק פאר אן ערליכן יוד, זאגט ער אפילו נאר לפי שעה אז ער גיהערט זיך אהן מיט א רשע, ער האט מיט עהם פיהר (שייכות), דארף ער האבן גרויס סייעתא דשמיא און אסאך תורה ועבודה ער זאל דאס אויסווארצלן דעס וואס ער האט גע'ירשנ'ט, זאגט ער אז דאס איז א געוואלטיגע זאך (השנאה שיש להם לצדיקים). דער חובת הלבבות זאגט דאס אין שער אהבת ה' (פ"ה) פון די זאכן וואס זענען מפסידי האהבה להשי"ת איז אז מ'האט נישט גענוג שנאה פאר רשעים, הלא משנאיך ה' אשנא ובתקוממיך אתקוטט, אז מ'האט נישט גענוג שנאה פאר רשעים קאן מען נישט האבן קיין אהבת ה', ווארן

דאס איז זה לעומת זה הא בהא תליא. ממילא איז דאך דער שלום צו האבן מיט זיי איז דאך ביטער ווי א גאל, די גאנצע תורה האלט זיך דאך מיט דעם אויף (ע״י שלוחמים עם הרשעים), דער רמב״ן זאגט (פ׳ כי תבא עה״פ) ארור אשר לא יקום וגו׳, [ומקשי בירושלמי] וכי יש תורה נופלת, נאר מיינט מען חלילה – אז די תורה – אז מ׳זעהט ס׳האלט נישט אויס, דארף מען לוחם זיין אויפהאלטן די תוה״ק, דאס הייסט ארור אשר לא ״יקום״.

**האב** איך געזאגט מיט דעם, ס׳שטייט (בפ׳ נצבים) פן יש בכם וגו׳ שורש פורה ראש ולענה וגו׳ והי׳ בשמעו את דברי האלה הזאת והתברך בלבבו לאמר שלום יהי׳ לי כי בשרירות לבי אלך וגו׳ למען ספות הרוה את הצמאה, אז ער וועט הערן די דברי האלה והתברך בלבבו שלום יהי׳ לי. (לכאורה) וואס איז דאס אין דעם גיוועגדט. – און אויף למען ספות הרוה את הצמאה זאגט דער תרגום לאוספא חטאי שלותא על זדנותא. נו מ׳גיט עפּעס צו שוגגים פאר זדונות, כך הוא המדה? כך הוא הדין?, ווייל ער איז געווען א מזיד גיט מען עהם צו א שוגג.

**נאר** דאס קאן זיין דער פשט, ער וועט הערן אן אלה ארור אשר לא יקום וגו׳, נו אז מ׳וויל אויפהאלטן די תוה״ק מוז מען דאך רעדן כנגד, נו געוויינטליך זענען זיי דאך ברוגז האט מען מחלוקת, ווי דער שפת אמת פונעם מהר״ם חאגיז זאגט ער אז מ׳טוהט פאר יודישקייט רופט מען בעל מחלוקת, זאגט ער אברהם אבינו איז געווען דער גרויסער איש חסד, ער איז געווען אזוי גרויס, ער העט גיוועגן געקאנט האבן שלום מיט דער גאנצער וועלט, און מ׳האט עהם (לבסוף) געווארפן אין קאלעך אויוון און כל מיני חירופים וגידופים – ווי דער רמב״ם ברענגט – האט מען אויף עהם געזאגט, ווייל ער האט אבער געוואלט לוחם זיין מיט די עובדי ע״ז, דאס קען אנדערשט נישט זיין. ער זאגט והי׳ עקב תשמעון את ״המשפטים״ האלה זאגט דער רמב״ן, אהן משפטים אז מ׳טוהט נישט קיין משפטים אקעגן .. קאן זיך נישט אויפהאלטן די תוה״ק.

**איינעם** וועט אבער דאס נישט שמעקן, וועט ער קלערן ״גדול השלום״, דאס איז דער אויסרייד, והי׳ בשמעו את ״דברי האלה״ הזאת, ארור אשר לא יקום, והתברך בלבבו לאמר, עֶה, איך האב אן עצה ״שלום יהי׳ לי״, איך וועל זאגן ״גדול השלום״, כ׳וועל האבן שלום ליבערשט, דורכדעם קאן שוין זיין כי בשרירות לבי אלך, פאַרשְפּאָר איך מיך צו קריגן, זאגט ער איז למען ספות ״הרוה את הצמאה״ (כפי׳ התרגום שגגות על הזדונות), ווארן אז דו האסט שלום און דו שווייגסט דער המון איז אומשולדיג, דער המון זענען שוגגים. אזוי ווי מ׳זעהט היינט. – ירמי׳ הנביא האט געזאגט (קפיטל ב׳ ח׳) הכהנים לא אמרו איה ה׳, זיי האבן נישט געזאגט וואו איז השי״ת, ותופשי התורה לא ידעוני האבן נישט געוויסט, והרועים פשעו בי והנביאים נבאו בבעל. ס׳איז דא פשטים, האב איך געזאגט דער פשט קען זיין פשוט, די כהנים האבן נישט ״געזאגט״ (לא ״אמרו״ איה ה׳), זיי האבן יא געוויסט זעהט אויס, ותופשי התורה לשון והיא לא נתפשה, דיא וואס זיי האבן געכאפט די תוה״ק איז געווען אין געפענגעניש ביי זיי באונס, דיא האבן שוין נישט ״געוויסט״ (לא ״ידעוני״), ווארן אז די כהנים – שפתי כהן ישמרו דעת – האבן נישט געזאגט האבן זיי נישט געוויסט, והרועים פשעו בי והנביאים נבאו בבעל.

**בעוה״ר** דאס איז דעס גאנצע, דאס זעהט מען היינט מ׳האט מורא פארן דור, ס׳איז טאקע א גרויסער נסיון, און דאס איז דעס אומגליק ברוחניות ובגשמיות*), מ׳זאל אויפמאכן די אויגן, מ׳זאל זיך נישט וועלן פאפן פון די כוחות הטומאה פונעם כח היצר, וועט מען נישט מסופק זיין, ״די אלע זעקס מיליאן יודען ל״ע וואס זענען נעדר געווארן איז געווען א דאנק נעבעך דעם רעיון פון נעמען זיך א מדינה״, – אויסערדעם פונעם עונש (של אני מתיר את בשרכם) – דאס איז געוויס ״בפועל ממש״, מ׳קאן דאס מברר זיין מיט גאנצע ביכער, איך בין נישט געקומען דא רעדן פאליטיק אבער דאס ווייסט יעדער.

איך געדענק נאך פאר פופציג זעכציג יאהר איז געווען גדולי ישראל וואס זיי האבן געזאגט ס׳וועט זיין א נס אז ס׳וועט נישט געשעהן דעס וואס ס׳איז געשעהן (החורבן של יהדות אייראפע), פון דעם מלשינות וואס זיי זענען געגאנגען רעדן אויף יודען ביי די אומות. היצט איז טאקע נתברר געווארן ביי די טענות מ׳האט אזוי געזאגט אז דאס האט געברענגט נעבעך דעם אומגליק – פון דעם רעכטן טמא דעם ערשטע – וואס ער האט ארויס געשריבן דעס מלשינות אין דעם (ספרו הטמא הנקרא) ״יודענשטאַט״ דעס האט געברענגט*), איך דארף נישט אויסרעכענען כמה מעשיות ס׳איז שוין נתברר געווארן. מילא (על אודות רצח היהודים מארץ) אונגארן האט מען דאך געזעהן איז דאך אין פראָצעס נתברר געווארן דארטן ביים משפט (קאסטנער), – ל״ע זיי מיט זייערע מעשים. – און היינט אויכעט ״די מאַראָקאָער יודען״ קול דמי אחינו צועקים! ס׳קומט בריעף רייסענדיגע בריעף ס׳העט געקאנט זיין דארט גוט, ס׳איז דארט א מלכות של חסד וואס אליין איז זיי גוט, און זיי (הציונים) ארבעטן אהן ״רעוועליציאנען״ און זיי ברענגען זיי אריין אין די גרעסטע סכנה. און ס׳שטייט לא תעמוד על דם רעך! און מ׳שווייגט! מ׳זאל גוט קוקן הארעווען זיי אין אמעריקע אויך אנצוארבעטן ״אנטיסעמיטיזם״, אזוי ווי זיי האבן געהארעוועט אין יוראפ, מ׳דארף גרויס רחמים אז זיי זאלן עס נישט חלילה דערגרייכן, ווארן מיט עזות מיט מלשינות קאן מען חלילה אלעס דורכזעצן, מ׳זאל גוט קוקן וועט מען זעהן, איך וויל נישט שמועסן קיין סאך פאליטיק**).

**מילא** פון רוחניות איז דאך נישטא וואס צו שמועסן, דעס האט דאך ל״ע אפגעשניטן, ס׳העט נישט גיוועגן געווען שוין קיין מינות דא אט, דיא אמעריקאנער זענען (שוין) געווען אסימילירט*), און דאס (ציונות) איז נעבעך דער שורש המינות, ״א פאבריק פון מינות״, דאס קאן קיינער נישט לייקענען, רח״ל אין די רבבות און אין די מאות אלפים וואס מ׳האט געהארעוועט מ׳זאל איינפרעגן ל״ע כפירה, כפירה גמורה בתכלית, דאס ווייסט יעדערער*). און דאס איז מען סובל! און דאס פארטראגט מען! און דאס הייבט מען אין די לופטן!! בעוה״ר וואו זענען די מנהיגים זאלן זיך אנרופן אקעגן אזא ניאוץ ה׳!! אקעגן די רעכטע כפירה! נאר מ׳שטיצט דאס און מ׳הייבט דאס! און מ׳גיט כח און מ׳גיט חיזוק! ס׳איז אין הפה יכול לדבר וואס מ׳העט גיוועגן געדארפט.

**דער** תוכן הדברים איז, דעס געפאר פונעם כלל ישראל איז ווייל מ׳זאגט אז דיא וואס זענען נישט קיין שומרי תורה און דיא וואס זענען כופרים דיא זענען די מנהיגי ישראל, די אומות ווערן פארפירט דורך זיי, זיי באקומען דעם שנאת ישראל. **איינם פון די גרעסטע מצות העט געווען, פון די גרעסטע מסירת נפש, ״מ׳זאל קאנען מודיע זיין פאר די אומות אז זיי (כתות הציונים) זענען נישט די פארטרעטערס פון כלל ישראל – יודען שומרי תורה האבן מיט זיי קיין שייכות״, מסירת נפש פאר דעם צו האבן העט מען געדארפט****), אבער בעוה״ר מ׳האט דאך מורא פארן דור, טאמער זאגט דאס איינער זענען דאך די ערליכע מנהיגים לוחם דערקעגן מיט תירוצים שונים.

**דער** תמצית איז, יודען וואס זענען שומרי תורה און זיי האבן אן אמת׳דיגע שיטה, מוזן כל מיני עבודות אלעס מוותר זיין, אז מ׳זאל קאנען האבן שלום און מנוחה, דאס איז דעס גרעסטע, לא מצא הקב״ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום. און אזוי ווידעראום פארקערט, פון דיא וואס זיי זענען נישט קיין שומרי תורה, ווער שמועסט ל״ע וואו ס׳איז דא א תנועה פון מינות, אבער דיא וואס זיי שטיצן מינות, מיט דיא קען מען קיין שלום נישט האבן, ווארן דאס איז דאך איין זאך, ס׳ווערט דאך מצא מין את מינו וחוזר וניעור, ווארן דיא גיבן דעם גרעסטן כח, ווי דער מדרש זאגט (ויק״ר פ״ו ב׳) די מחזיקים את הגנב זענען הארבער פונעם גנב, – אזוי שטייט אין פרשת ויקרא – א מלך האט גע׳הרג׳עט די מחזיקים און דעם גנב האט ער איבערגעלאזט. בעוה״ר ווער איז ריין פון דעם פון די מחזיקים את הכופרים ל״ע, מ׳גיט זיי חיזוק מיט כל מיני דיבורים, מ׳זאגט נאר נישט ארויס דעס גאנצע, מ׳זאגט נישט ארויס די כפירה ל״ע, אבער אלע זייערע

# לשבועות

## חידושי תורה שנת תשט"ז עמוד תקל"ג

**ודבר** פלא איתא במדרש ילקוט (תהלים רמז תש"ס) עה"פ (שם נ') שמעה עמי ואדברה אמר ר' יוסי בר' סימון עד שלא עמדתם על הר סיני וקבלתם את התורה, ישראל הייתם נקראים כשם שעובדי אלילים נקראים, משקבלתם את התורה אתם נקראים עמי. וכן איתא ג"כ במדרש רבה בפתיחתא דרות (א') ר' יודן בר' סימון אמר לשעבר היו קרואים ישראל כשאר כל האומות סבתא ורעמא וסבתכא מכאן ואילך אין נקראים אלא עמי שמעה עמי ואדברה.

**ופלא** שמהיכן נתוודע להם (להרשעים) זה המדרש ששם ישראל הוא כמו שם עכו"ס, שגם אני מצאתי מדרש זה רק אח"כ והם כבר נתוודע להם מקודם וע"כ קראו לעצמם שם ישראל שהם רוצים להחזיר עטרה ליושנה כמו שהי' קודם מ"ת שהם אינם רוצים בתוה"ק ע"כ קורין לעצמם שם ישראל כמו שהיו נקראים קודם מ"ת, משא"כ אחר מ"ת אין נקראים עוד ישראל לחוד רק עמי מיוחד להשי"ת ורק יחד עם התוה"ק יכולים להקרא ישראל ואז הוא ישראל עמי, אבל ישראל לחוד בלא תורה הוא שם עכו"ס כשאר שמות העכו"ס כמו שחושב במדרש סבתא ורעמה וסבתכא כמו"כ שם ישראל הוא שם עכו"ס אם הוא בלא תורה וכמו שהי' קודם מ"ת שנקראו בשם ישראל, משא"כ אחר מ"ת אין נקראים אלא עמי וכמ"ש שמעה עמי ואדברה.

**ונתיישב** לי בזה שתי קושיות, א' מה שהקשו המפרשים למה אמר אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים ולא אמר אנכי ה"א אשר בראתיך, אמנם לפי"ז נתיישב דהרי בשעת בריאת העולם היו הכל שוין ולא היו עדיין ישראל מיוחדין להקב"ה יותר משאר האומות ורק אחר יצי"מ במתן תורה אז נתייחדו ישראל להקב"ה והשי"ת ייחד שמו על ישראל להיות נקראים עמי ע"כ אמר אנכי ה' אלקיך ביחוד, והוא ע"י שהוצאתיך מארמ"צ אז נעשה יחוד הזה שנתייחדו ישראל להיותם נקראים עם ה' ולא כמו שהיו נקראים קודם מ"ת ישראל לחוד כמו שאר האומות. ועוד נתיישב מה שהקשו המג"א והט"ז והב"ח (או"ח סי' מ"ו) על מה שאומרים בנוסח הברכה שלא עשני גוי בדרך שלילה ואין אומרים שעשני ישראל, אבל לפי"ז לא קשה מידי שא"א לומר שעשני ישראל כיון שישראל לחוד הוא שם עכו"ס ויצטרכו להאריך בלשון ולומר שרק עם התוה"ק נקראים עמי ישראל דהרי ישראל לחוד הוא שם עכו"ס ע"כ אומרים בקיצור שלא עשני גוי.

## חידושי תורה שנת תשי"ז עמוד תרצ"ג

**אמנם** עכשיו בזמן הזה מובן היטב שאפשר לקיים כל התרי"ג מצות ולהיות מודה בע"ז, דע"ז של הראשונים של דור הפלגה ודור אנוש היו בדרך הזה שהם האמינו במציאת השם ובאחדות השם אלא שאמרו שאין כבודו להשגיח בתחתונים ומסר הנהגת העולם לשרי מעלה אלא שאח"כ נתהווה מזה ע"ז גמור, כמו"כ אפשר לקיים כל התורה והמצות ולספר נסים מאפיקורסים וסובר שבזה הוא מספר נפלאות הבורא שעושה נסים ונפלאות, אבל באמת כבר הוזהרנו עליו שהוא מנביאי הבעל, כמו"ש כי יקום בקרבך נביא או חולם חלום ונתן אליך אות או מופת ובא האות והמופת אשר דבר אליך לאמר נלכה אחרי אלהים אחרים אשר לא ידעת ונעבדם לא תשמע אל דברי הנביא ההוא וגו', שאפילו הי' אמת בדבריו שהיו נסים ומופתים הי' אסור לשמוע אליו מכש"כ שבאמת אינם נסים רק איזה הצלחה מלובש בטבע ועושה ממנו נסים ומספר נפלאות למען כחש. כמ"ש האוהחה"ק ובא האות והמופת אשר דבר אליך לאמר נלכה אחרי אלהים אחרים וגו' אשר אין הכוונה שיאמר בפירש שילכו לעבוד את הע"ז אלא הוא מקושר עם מה שכתוב בסוף הענין ובו תדבקון שיאמר שילכו וידבקו א"ע בקרובי הע"ז, ועל זה בא הציווי לא תשמע אל דברי הנביא ההוא וגו' לא מיבעיא שאסור להאמינו אלא אף אסור לשמוע דבריו, וכמ"ש הא"ע דזה שבא האות והמופת הוא לך לעונש עבור ששמעת לדבריו, כי הי' לך לראות שלא יהי' בעולם ולא תשמע לדבריו, ובעבור ששמעת לדבריו בא העונש הזה שבא האות והמופת, וכל אלו הדברים נאמרים אף לוא הי' כדבריו שהי' באמת נסים, אבל באמת הוא שקרים ועושים ממנו נסים כדי להגדיל בזה כח המינות ואפיקורסות, ושיאמרו שהקב"ה עושה נסים לאפיקורסים כדי להתחבר עמהם, שזה הוא כופר בעיקר, ומי שמאמין לו הוא ג"כ כמותו, והנה זה באמת לא הי' נסים כאמור, אבל אני מתירא, דהגם שאני מקווה שלא יהי' כן אבל הרי אי אפשר לידע דאפשר עוד להיות, וצריכים להיות מוכן גם לזה שאפשר שיעשו עוד נסים להם אפי' כמו העמדת החמה באמצע הרקיע כמו ליהושע בן נון, וצריכים לידע זאת ומוכן מעיקרא, דאם יודעים אותה מקודם שאפשר להיות לא מתפעלים כ"כ ממנה אח"כ כשבא הדבר מאחר שהיו מוכנים לה, אבל כאמור אני מקווה שלא יהי' ולא יבא עד כ"כ, רק שאני אומר זאת שצריכים להיות מזומן גם לזה ואל יתפעלו גם אם יעשו ממש נסים כי הכל הוא מהס"א.

איתא בגמ' (סנהדרין צ"ט ע"ב) איזהו אפיקורס שאומר מאי אהני לן רבנן מעולם לא שרו לן עורבא ולא אסרו לן יונה ע"כ.

ולכאורה קשה למה נקטו עורבא דמעולם לא שמענו מי שיתאוה לאכול בשר עורב, בשלמא אם הי' אומר בשר חזיר הי' מובן שמתאוים לה לאכלה אבל לא בשר עורבים, וגם למה נקט עורב ולא שאר עופות הטמאות הנזכרות בקרא, ותו דאטו בשביל זה אינו אוהב את הרבנים בשביל שלא התירו לו את העורב ולא אסרו לו את היונה ואטו אם שרו לו העורב ואסרו את היונה יאותו לו אתמהה, ועוד דבשלמא במה שאמר וכי שרו לן עורבא אפשר ליישב קצת כיון שנאסר העורב רוצים שיתירו להם אבל למה יאסרו את היונה אם אינו רוצה לאכלו לא יאכלנו אבל למה צריך לאסרו.

**ונראה** לפרש עפ"י אמרם ז"ל (ב"ק צ"ג ע"ב) א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מילתא דאמרו אינשא מטייל ואזיל דיקלא בישא גבי קינא דשרכי א"ל דבר זה כתוב בתורה ושנוי בנביאים ומשולש בכתובים ותנן במתניתן ותנינא בברייתא, כתוב בתורה דכתיב וילך עשו אל ישמעאל שנוי בנבאים דכתיב ויתלקטו אל יפתח אנשים ריקים ויצאו עמו ומשולש בכתובים דכתיב כל עוף למינו ישכון ובן אדם בדומה לו ותנן במתניתן כל המחובר לטמא טמא כל המחובר לטהור טהור ותנינא בברייתא ר"א אומר לא לחינם הלך זרזיר אצל עורב אלא מפני שהוא מינו ע"כ, הנה חכז"ל לא ראו בזרזיר שום סימני טומאה ולמה מינוהו בין העופות הטמאים אלא רק מפני שהלך אצל העורב שמע מינה שהוא מינו דאי לא היתה מינו למה הי' הולך הוא שם מה לו לבקש שמה אלא מפני שהוא מינו משכתו אליו.

והנה ביונה כתיב וישלח מאתו את היונה ודרשו חכז"ל מכאן שדירתן של עופות טהורים עם הצדיקים דאצל העורב לא נאמר מאתו, ובוודאי אין הכוונה שנח דר עם היונה אלא רצונם בזה שהם משורש אחד משורש הטהרה, היוצא לנו מזה שרק בשתי מקומות הללו אצל העורב וביונה מצינו לחכז"ל שבנו יסוד הלכה מזה ממה שראינו עם מי הם מתחברים ולא בשאר מקומות, וז"ש וכי שרו לן עורבא, כי האפיקורסים הללו רוצים ג"כ שיתירו להם ההתחברות עם הרשעים הטמאים כי הם שייכים להם, ואינם רוצים בהתחברות הצדיקים כדי שלא יתגלה כוונתם הרעה לכן רוצין ג"כ עוד שיאסרו את היונה דהיינו הצדיקים שהם נמשלו ליונה שיאסרו את ההתחברות עמהם שלא יתברר מגמתם הטמאה.

**ובזה** יובן המדרש כשמע משה אנכי ה' אלקיך שהקב"ה מייחד שמו על ישראל ונקראין עמי, פתח ואמר ברוך שלא עשני גוי, דעד מ"ת אמר משה רבינו נוסח הברכה שעשני ישראל אבל אח"כ שנשתנה השם להיותם נקראים עמי לא בירך עוד שעשני ישראל כיון שהוא שם עכו"ם שהי' קודם מ"ת רק בירך שלא עשני גוי.

**ואפ"ל** עוד במה שכינו עצמן בשם ישראל, דהנה הרמב"ם ז"ל בתחלת הלכות ע"ז (פ"א) האריך לבאר גלגולי הדברים של מצב העולם עד שבא אאע"ה, וכתב שם שכולם עבדו ע"ז, אבל צור העולמים לא היה שום אדם שהיה מכירו אלא יחידים בעולם כגון כו' עד שנולד עמודו של עולם והוא אברהם אבינו וכו' ובן ארבעים שנה הכיר אברהם את בוראו, כיון שהכיר וידע וכו' ושיבר הצלמים והתחיל להודיע לעם שאין ראוי לעבוד אלא לאלוה העולם, והי' מהלך וקורא ומקבץ העם מעיר לעיר וממלכה לממלכה וכו'. והקשה הראב"ד ז"ל (שם ה"ג) וז"ל ותמה אני שהרי היו שם שם ועבר איך לא היו מוחין, ואפשר כי מוחין היו ולא אירע להם שישברו את צלמיהם לפי שהיו מתחבאים מהם עד שבא אברהם ושיבר צלמי אביו. וע"ז כתב הכ"מ דמה שכתב לפי שהיו מתחבאים מהם אינה טענה, שהרי נמרוד וכל מלכותו בפרהסיא היו עובדין הצלמים ובני אדם היו מוכרים צלמים בחנויות כמו שאמרו חכמז"ל (ב"ר פל"ח י"ג) שהי' תרח מוכר צלמים עכ"ל.

**ראען** ואומר בדברים ברורים ובהירים, הגם שעכשיו אחרי שהקימו להם המדינה כבר אפשר לראות לכל שהיא מלאה כפירה ומינות, אבל מ"מ מפני שישנם עדיין אנשים שהוכו בסנוורים והם "קורצזיכטיג" אפרש להם כל הענין, שידעו שזה הרעיון ליקח לעצמם ממשלה ולהשתחרר מהגלות, מעת שצחנת הטומאה הזה הוא יותר מששים שנה, ועוד מקודם לה איזה דורות בזמן הקאלאניזאצים היו מתיראים מזה שיצמח ממנה רעיון הזה לבקש לעצמם ממשלה, וכל צדיקי הדור וכל גדולי ישראל וגאונים אמתיים כולם בפה אחד הסכימו שהיא אסורה ולחמו נגדם במסירת נפשם, והראש וראשון שאמר שהוא דבר טוב הי' ראש הכופרים שרצה להשמיד את הכלל ישראל, וכל הכופרים אתו, נמצאת אומר שהי' בזה מחלוקות בין הצדיקים גדולי ישראל ולהבדיל בין טומאה לטהרה הכופרים, מעתה מי שאומר שהוא דבר טוב ורוצה בה בזה הניח היסוד שהצדק עם כל הכופרים בה' ובתורתו, וכל הצדיקים אמתיים טעו ח"ו, ולא עוד אלא שהפסידו את הכלל ישראל במה שהתנגדו לה, שאין לך כפירה גדולה מזו, לבד מאשר רואים בחוש הכפירה הגדולה והאפיקורסות שהוא אך למותר לבאר, ואם אפילו אשאר רק יחידי בעולם, אשר לא הגיע עוד עד כ"כ, אבל אפילו אם יהי' כן צריכין לעמוד חזק כארז לבל יזיז זיז כ"ש להכניע לשיטתם כמבואר במגדל עוז מהיעב"ץ, אלא דבאמת מי שהולך בדרך זה אפילו אם הוא נשאר יחידי אינו יחיד בעולמו שהרי הוא מחובר ומקושר עם כל הצדיקים אמתיים וגדולי ישראל וגאונים האמתיים מדורות הקודמים, שאפי' יתקבצו כל הדור הזה כולם כאחד יהי' מי שיהי' הם בטלים ומבוטלים וכאין נגד דורות הקודמים, ולדעתי אם צריכים לבחור יותר טוב לבחור להיות בדעה אחד ובשיטה אחת ומקושר עם הצדיקים האמתיים שמדור הקודם מלהיות עם הדור הזה כולם כאחד מראש ועד סוף שהם כאפס ואין נגדם, מעתה מי שהולך בדרך זה הוא מחובר ומקושר עמם ומראה שמקורו ושורשו הוא משורש הטהרה וממקור קדוש יהלכון ולעומת זה ההיפוך הוא להיפוך.

*עמוד תרצ"ה*

וכמאמרם ז"ל (תמיד ל"ב ע"ב) שטנא נצח, ופלא לשון הרבינו גרשום שמפרש וז"ל כלומר אל תחמה ע"ז שהשטן הוא נוצח שמתעה אותן ונותן להם גאולה ולבסוף יורידם לגיהנם עכ"ל.

*נעתק ברשות המו"ל*

**ונראה** לי ליישב דמה שאברהם שיבר הצלמים ושם ועבר לא שיברו, שניהם עשו כדת וכהלכה, דהנה ישראל הוא מצווה על קידוש השם ומחויב למסור נפשו על קיה"ש ובשעת הגזירה צריך למסור את נפשו ליהרג אפילו על ערקתא דמסאני (סנהדרין ע"ד ע"ב), משא"כ בן נח אינו מצווה על קיה"ש (שם) ואדרבה הוא עושה איסור בזה ועובר על מ"ש (נח ט') ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש (עי' מל"מ פ"ה מיסוה"ת ה"ד). והנה יש פלוגתא בראשונים אם האבות יצאו מדין בן נח או לא (עי' רמב"ן אמור כ"ד י') ובפרשת דרכים (דרך האתרים דרוש א' וב') האריך לפלפל בענין זה, והביא סברת האומרים שאחר המילה יצאו מדין בן נח ע"י המילה, ומה שהי' מותר לאברהם אבינו למסור נפשו בשביל ע"ז הוא ג"כ תלוי בזה אם נאמר שיצא מדין ב"נ, וכיון שהוא יצא אחר המילה מדין בן נח ע"כ הותר לו למסור נפשו. ולכאורה אינו מובן שהרי המילה הי' כשהי' בן צ"ט שנה ומעשה של כבשן האש הי' הרבה קודם לזה. ואפשר שכוונתו הוא ע"ז האופן דהרי אאע"ה ידע מכבר שעתיד הקב"ה לצוות אותו על המילה כדאיתא במדרש, ומה שלא מל מקודם תירצו המפרשים (עי' יפה תואר ב"ר פמ"ז י' ושל"ה ר"פ לך בהג"ה) מפני שרצה לקיימה כשהוא מצווה ועושה וא"א לקיים מצוה זו שני פעמים, ע"כ אפשר שגם מקודם יצא מדין בן נח ע"י שקבל על עצמו לקיים מצות מילה וע"י הקבלה לאחר יצא מדין ב"נ ע"כ הותר לו למסור נפשו על קידוש השם.

**וממילא** א"ש מה שלא הי' יכולין שם ועבר לשבור הצלמים שהרי הי' הדבר תלוי במסנ"פ וכמו שהי' גם באאע"ה שהשליכו אותו לכבשן האש, ובשלמא גבי אברהם שיצא מכלל ב"נ היה יכול לעשות כן כי הי' מצווה על קידה"ש, ומטעם זה עצמו הגין עליו זכות המצוה שלא ישרף כיון שעשה מצוה במה שמסר את נפשו, אבל שם ועבר דלכולי עלמא לא יצאו מדין בן נח הי' אסור להם למסור נפשם על זה ולא הי' זכות המצוה מגין עליהם כיון שלא היו עושין מצוה באותו מסינ"פ, ונמצא ששניהם עשו כדת וכהלכה. ועד"ז פי' בפרשת דרכים (עי' דרוש א' ד"ה ובזה נבאר קצת פסוקים דישעי', ודרוש ב' ד"ה ובזה נבא לכוונת המאמר, וסוף דרוש ג') במה דמשמע במדרש (ב"ר פל"ט ח', פמ"ד ד') שאברהם ניצול בזכות עצמו ובמקום אחר (שם פס"ג ב') אמרו שניצול בזכות יעקב כמ"ש (ישעי' כ"ט) בית יעקב אשר פדה את אברהם, ופי' שזה תלוי בהפלוגתא אם יצא מדין ב"נ או לא, דאם יצא מדין ב"נ ע"י שקבל על עצמו לקיים מצות מילה נמצא שעשה מצוה במה שמסר נפשו והי' יכול זכות המצוה עצמה להגן עליו שלא ישרף, אבל אם נאמר שלא יצא מדין ב"נ ולא עשה מצוה אז צ"ל שלא ניצול רק בזכותו של יעקב.

**והנה** באותה מדינה כל תנועה ותנועה וכל פסיעה ופסיעה הכל צריך להיות רק במסנ"פ כידוע שהם מכוונים להעביר על הדת, ע"כ קראו להם שם ישראל לרמז שאין יכול לדור שם רק מי שיש לו דין ישראל שמותר למסור נפשו על קידוש השם רק זה יכול לדור שם, שתמיד צריכין שם למסנ"פ שהרי בשעת הגזירה אפילו על ערקתא דמסאני צריכין למסור נפשם (סנהדרין ע"ד) ושם הוא תמיד בשעת הגזירה שהם מכוונים להעביר על הדת ע"כ קראו לעצמם שם ישראל להורות ע"ז שרק מי שיש לו דין ישראל מותר לדור שם כדי שיוכל למסור נפשו בכל עת שיצטרך.

*עיין ויואל משה חלק ב' סי' קנ"ג מענין זה*

*עמוד תק"מ*

**ונזכה** בחג השבועות הזה להתדבק בדרך התורה ודרך האמת בקדושה ובטהרה ונזכה לקבלת התורה באמת ולראות במהרה בישועת ישראל ושמחתן בהתרוממות קרן התורה וישראל ובהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.

*נעתק ברשות המו"ל*

*מי שרוצה לזכות הרבים יפיצם בישראל*